FAR VEMEN HOT HAYMIS

M. Shifris

•



NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG




MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center



The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.



פֿון אינטערנאַציאָנאַלן
אַרבעטער אָרדן

שיפרים

מוישע

פאַר וועמען האָט





פאַר וועמען האָט היימי'ס טאַטע געשטימט ?

היימיס עלטערן האָבן געוואוינט אויף דער זעקסטער גאַס. דער טאַטע האָט געארבעט אין אַ שאַפּ פון קינדערשע הייזקעס. די לעצטע פאָר יאָר האָט ער זייער ווייניק געארבעט. אין דריי פינצטערע צימערן, מיט אביסל ליכט פון הויף אין איין צימער, האָבן זיי אָפּגעלעבט יאָרן לאַנג.

היימין איז געווען טונקל און אומעטיק אין הויז. פלעגט ער מערסטנס פאַרברייגען אויף דער גאַס. אַ לעבעדיק, פּיפּיק יאַטל איז ער געווען, האָט ער אָנגעפירט מיט אַ גענג, געשלאָגן זיך מיט די קינדער פון דער צווייטער גאַס און אַהיימגעקומען ערשט שפּעט אין אָוונט, ווען מען דאַרף גיין שלאָפן.

אָנהויב ווינטער איז געווען אַ לעבעדיקע וועלט פאַר היימין. נים ווייט פון זיין הויז אויף סעקאַנד עוועניו, פלעגן אויף די ראָגן שטיין רעדנער פון פאַרשיידענע פארטייען און רעדן און אַפּעלירן צום עולם, אַז זיי זאָלן שטימען פאַר זייערע קאַנדידאַטן. היימי מיט זיין גענג פלעגן זיך אויסשטעלן ווי סאָלדאַטן אין מיט בלעכן און שטעקנס אַרומגיין אין קלאַפּן און מאַכן טומל.

אַז מען איז צוגעקומען צום ראָג, וואו ס'האָט גערעדט אַ קאָמוניסטישער רעדנער, איז גאָר געוואָרן פריילעך. ער האָט געוואוסט, אַז די קרעמער פון קוואַרטאַל האָבן האַנאָע פון-דעם, וואָס ער מיט זיין גענג שטערן די רעדנער; פלעגט ער זיך אוועקשטעלן פּונקט אַנטקעגן דעם רעדנער, אים קוקן אין פּאָנים אַריין און מאַכן משוגענע שטיק, פון וועלכע בעוורע האָבן געפּלאַצט פון געלעכטער און אַלע האָבן געקלאַפּט אין די בלעכן און היימי האָט דיריגירט מיטן שטעקן.

אין היימיס הויז, טאַקע די צווייטע טיר פון זיינער, האָט זיך באַזעצט אַ נייע פאַמיליע און היימי האָט צוגעקראָגן אַ נייעם כאַווער. מאָרי האָט ער געהייסן. אַ לעבעדיקער יאַט מיט רויטע האָר און פריילעכע אויגן. אַ גוטער באַל שפּילער, קען מאַכן פאַרשיידענע

קינדער אין א כעוורעמאן, וואס שרעקט זיך ניט פאר קיינעם, אפילו פאר'ן שטריינגן פאליסמאן. היימי איז באלד געווארן גוט-ברודער מיט מארין.

דערזעט היימי, אין א פרייטיק אוונט, ווי מארי קומט ארויס אין א שיינעם בלויען יוניפארם מיט א בלוי, לאנגעכיק היטל אויף א זייט פון קאפ.

— וואס איז דאס פאר א יוניפארם? — פרעגט היימי פארוואונדערט.

— איך בין א פיאנער — ענטפערט מארי מיט שטאלץ און קוקט ארויסרופעריש אויף היימין.

— א פיאנער? וואס איז דאס? — און דערמאנט זיך באלד — א, פון די רויטע, קאמוניסטן.

— יא, נו? — קוקט מארי אויף אים אין די אויגן לאכן — ווילסט גיין מיט מיר? קום, ווערסט זען ס'וועט דיר געפעלן.

— א. — האט זיך היימי גענומען דרייען אין פארלעגנהייט — א, נא, מיין טאטע איז א דעמאקראט. ער וועט מיך נים לאזן.

מארי האט זיך געאיילט:

— קום מיט מיר, פיר מיך צו, וועלן מיר רעדן אויפן וועג.

אויפן וועג האט אים מארי דערציילט א סאך זאכן. היימי איז פארכאפט געווארן פון די אלע נייעסן, וואס ער האט געהערט, אבער גאר א סאך האט ער געהערט אויפן פיאנערן מיטינג.

עטלעכע מאל האט אים מארי געבראכט צום פיאנערן-מיטינג. דערנאך האט זיך היימי אנגעשלאסן און געווארן א פיאנער.

איין אוונט קומט היימי א פארפלאמטער פון מיטינג מיט א רויטן קנעפל אין סוועטער „וואוט קאמיוניסט“.

היימיס טאטע האט עס גלייך באמערקט. ער איז צוגעפאלן צו אים:

— וואס איז דאס? א קאמוניסטל ווערסטו מיר ווערן? א רויטער? ווילסט מיך ארייג׳שלעפן אין צארעס? אכצן יאר — האט ער גענומען

טיינען צו היימיס מאַמען — האָב איך געשטימט אַ סטרייט דעמאָקראַט טיקעט — ער האָט זיך אויסגעדרייט צו היימין — איצט ווּעסטוּ מיר עפּשער הייסן שטימען פאַר דיינע קאָמוניסטלעך, הע? וואו האָסטוּ דאָס געקראָגן?

היימי האָט אַ צעשראָקענער גענומען שטאַמלען:

— ע... ע... ביי די פּיאָנערן, דער לידער האָט מיר געגעבן.

— פּיאָנערן? הע, וואָס?

— פּיאָנערן, טאַטע, אַרבעטער קינדער. מען לערנט דאָרטן וועגן די אַרבעטער, וועגן סטרייקס, ווי די באָסעס נעמען צו אַלץ און גיבן ניט די אַרבעטער אויף צו לעבן. דו ביזט אויך אַן אַרבעטער, טאַטע. אַט אַרבעסטוּ ניט אַזוי לאַנג. פאַרקויפסט עפּל...

—שווייג, שייגעץ. זע נאָר מיין אַגיטאַטאָר. פון די דעמאָקראַטן קריגט מען טויזנטער, פּול. וואָס קריגט מען פון די קאָמוניסטן? הע?

— אַט האָסטוּ ניט צו צאָלן רענט — איז היימי געוואָרן דרייסטער — זאָגסט אַליין, אַז דער לענדלאָרד האָט געזאָגט, אַז ער וועט אַרויס־שטעלן אין גאַס.

— ווּעלן עפּשער דיינע קאָמוניסטלעך צאָלן רענט פאַר מיר, הע?

— קיין רענט צאָלן זיי ניט, זיי זיינען אַליין אָרים — האָט זיך היימי פאַרענטפערט — נאָר אַז מען שטעלט אַרויס אין גאַס קומט דער אַרבעטלאָזער קאָונסיל און שטעלט אַריין דאָס מעבל.

— זע נאָר — האָט היימיס טאַטע צעעפנט אַ פּאָר אויגן אויף דער מאַמען — ס׳רעדט ווי אַ מיזמער, ווער האָט עס דיך אויסגעלערנט, האַ?

— די פּיאָנערן —

— גיב אַהער דאָס קנעפּל, דו הערסט? אַוועק פון מיר, גיי שלאָפן.

היימי איז אַוועק. ער איז געווען טרויעריק פאַרוואָס דער טאַטע פאַרשטייט אים ניט. אַלע פּיאָנערן פאַרשטייען. קינדער פאַרשטייען און דער טאַטע — ניט. דער טאַטע אַרבעט אַלע זיינע יאָרן אין שאָפּ. מען וואוינט אין פינצטערע צימערן און ער זעט ניט ווי ס׳איז אים

שלעכט און ווער עס איז שולדיק אין דעם.

אויף דעם אַוונט האָט היימי אָרגאַניזירט די קינדער מען זאָל אַרומגיין אין גאַס און קלאַפּן מיט שטעקנס אין בלעכן און שרייען „שטימט רויט!“ אָבער היימי איז אַ טרויעריקער געגאַנגען שלאָפֿן.

אַ פּאָר טעג שפּעטער זעט היימי ווי דער טאַטע זיצט אַ פֿאַר־טרויערטער ביים טיש, לעבן אים ליגט אַ פּאַפּיר און די מאַמע זיצט אין אַ ווינקל און זיפֿצט:

— אַזאַ שאַנדע, אין גאַס ליגן מיט די בעבעכעס. כ׳על זיך שעמען צו ווייזן מיין פּנים פֿאַר די שכנים. נו, וואו זיינען דיינע דעמאָקראַטן, פֿאַרוואָס גייסטו ניט צו זיי, זאָגסט דאָך אַז זיי קענען העלפֿן, נו גיי צו צו זיי.

היימיס טאַטע איז אַוועק אין דעמאָקראַטישן קלוב. ער האָט דאָרט געטיינעט:

— אבצן יאָר, אַז איך שטים אַ סטרייט דעמאָקראַט טיקעט, איצט וואַרפֿט מען מיך אַרויס אין גאַס, בין איך געקומען בעטן איר זאָלט עפּעס טאָן פֿאַר מיר.

— צאַלרייט מר. ראָזן — האָט אים דער פֿירער פֿון קלוב געקלאַפּט אין דער פּלייצע. ער האָט געשטופּט דעם גראָבן בויך פֿאָראויס און געדרייט אַ ציגאַר אין די גלאַנציקע ליפּן — צאָלרייט, ניט געזאָרגט, מירן זען פּיקסן אַן אייגענעם מענטשן. גייט אַהיים און זאָרגט ניט.

היימיס טאַטע איז אַוועק פֿול מיט האָפֿנונג אַהיים. כאָטש אין האַרצן האָט עפּעס געטיאָבקעט, עפּעס צו זים האָט יענער צו אים געשמייכלט.

יעדן טאָג האָבן היימיס עלטערן דערוואַרט, אַז מען זאָל קומען העלפֿן, אָבער קיינער האָט זיך ניט געוויזן. דעם לעצטן טאָג איז היימיס טאַטע ניט אַרויס פֿון הויז, טאָמער קומט מען און מען טרעפֿט אים ניט. אָבער קיינער איז ניט געקומען.

אויף מאָרגן אינדערפֿרי איז געקומען דער מאַרשאַל מיט עטלעכע שטאַרקע און גענומען אַרויסטראָגן דאָס מעבל. דער טאַטע איז

געשטאַנען ווי פאַרגליווערט. און ניט געוואוסט, וואָס צו טאָן מיט זיך. די מאַמע האָט געוויינט. געזען ווי מען וואַרפט זיך מיט איר פּראַצע, ווי מען ברעכט שטיקער מעבל, האָט זיך געוואָרפן פאַרשטעלן דעם וועג, באַשיצן איר פאַרמעגן, אָבער דער מאַרשאַל האָט זי אָפּגעשטופּט און זיך נאָך צעבייזערט:

— איך לאָזט ניט מיינע מענטשן ארבעטן.

דער טאַטע מיט דער מאַמען זיינען אַרונטער אין גאַס, געשטאַנען לעבן זייער פאַרמעגן מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ ווי ביי אַ טויטן קינד און זיך געשעמט אויפצוהייבן די אויגן.

מיט אַמאָל האָט זיך איבער דער גאַס צעטראָגן אַ געזאַנג.

טאַטע מאַמע האָבן אויפגעהויבן די אויגן, און דערזען היימין מאַרשירנדיק פאָראויס און נאָך אים אַ גאַנצע כעוורע מענער און פרויען. אין פאָראויס האָט מען געטראָגן אַ גרויסע שילד „אַנעמפּלאָיד קאַונסיל" און דערנאָך האָבן זיך באַוויזן פּלאַקאַטן מיט אויפשריפטן „נאָ עוויקשאָן".

די כעוורע האָט מיט געזאַנג, גלייך ווי זיי וואָלטן געגאַנגען צו אַ סימכע, זיך געלאָזט גלייך צום הויז.

עם זיינען אויסגעוואַקסן פּאָליסלייט מיט רונדע שטעקנס אין די הענט גרייט צום שלאָגן.

די כעוורע האָט מאַרשירט אַרום הויז און געשריען „נאָ עוויקשאָנס"! „לאָזט ניט וואַרפן קיין ארבעטער אין גאַס, קעמפט!"

די פּאָליסלייט האָבן זיך גענומען טרייבן און געוואָרפן זיך שלאָגן. האָבן די שטאַרקערע צוריקגעהאַלטן די פּאָליסלייט און די אַנדערע האָבן גענומען אַרויפטראָגן דאָס מעבל אין הויז אַריין.

היימי האָט דערווייל צוזאַמענגערופן זיין גענג און געהאָלפן טראָגן דאָס מעבל.

אַן ארבעטער פון „אַנעמפּלאָיד קאַונסיל" איז צוגעגאַנגען צו היימים טאַטע, אים אַריינגעשטופּט אין האַנט אַריין געלט מיט אַן אדרעס, וואוהין צו קומען אין אָוונט.

ווען דאָס גאַנצע געלט איז שוין געווען אין הויז איז הינדי אַרײַן
אַ פֿאַרשוויצטער:

נו, [illegible] באַגריסן [illegible]?
אין וואָס [illegible]?

דער טאַטע איז געשטאַנען אַ פֿאַרטראַכטער. באַלד האָט זיך
אַ שמייכל באַוויזן אויף זײַן אויסגעמאַטערט פּנים. ער איז צוגעגאַנגען
צו הינדי, אַרומגענומען [illegible]
[illegible] אין הינדי
[illegible] צו זיך.

הינדי האָט זיך [illegible] אין טאַטן און [illegible]
[illegible].

אין [illegible] האָט ער אין [illegible] אַ [illegible]
מיט אַ [illegible]:

[illegible] אויף [illegible] מיר
[illegible] אַ [illegible], אָבער
[illegible] צו [illegible] נאָ

הינדי [illegible] האָט ער [illegible] פֿון דאָס געקומען צו זיך
אין מיט אַ [illegible].

אַ [illegible] אַ [illegible]

הינדי האָט [illegible] מיט [illegible]. ער האָט זיך
[illegible] צו [illegible] אין
[illegible].

דער טאַטע האָט מיט אַ [illegible]

[illegible] אויף פֿון [illegible] אַז, [illegible]
[illegible] ווי [illegible] אויס.

הינדי האָט [illegible] מיר [illegible] נאָ

טאַטע אין זי האָבן זיך [illegible]

פֿאַר [illegible] אַז דאָס הינדי טאַטע [illegible]
[illegible] יאָר.